# א פּעקיל תחנות.

געלאָזט דרוקען דורך

## הירשע שלמה ראָסעס

הסכונה

## הערים דער טרייער

---

נ׳

## אתחנה פאַר אַ איינגעלשען רב

שקירין בלע״ז רעווערענד.

---

יהי רצון עס זאָל זיין דער ווילען פון דיר גאָט פון ביימאָנטען און אלע כאָלענטעס און, גאָט פון דיין גליבינע ראָסע 1) ישראל אז דו זאָלסט אַראָב שיקען דיין ליכטיגקייט און זאָל לייכטען סיין וועג אויף וועלכע איך געה. וכרתי, איך געדיינק ווטיל. צרות איך בין אַרפנעשטאַנען אין לערנען דיין היילינען סדור, הפטרות, פּרורים און צדוק הדין, און דו האָסט געשיקט דיין געגאַר אויף מיר ווערינען בשר ודם, וואָס סיינע זינר ווינען געוועזען ווי יאָהרען ווי אין דיין היילינע המרה שטיים געשריבען „אם יאריטו חטאיכם כשנים" און דו האָסט ווי געמאַכט ווייס ווי שניי „כשלג ילבינו", און איך געדענק ווי סיין האַרץ האָט מיר געשראָקען ווען איך בין געגאַנגען צום עקזאַמענייטשאַן מאַסטער זאָל איך ח״ו געשטיכעלט ווערען מיט סיין צונג, דו, דער געטריינער, האָסט רחמנות געהאַט און סיר געשאָנקען מיט אַ ווי סען שניפּס, צו ווייזען אז סיינע זינר ווינען ווייס געוואָרען. און צום עקזאַמענייטשאַן; האָסטו מיר געגעבען אזא גיבן צונג ווי די פּערר ווינען ניך אויף די רעדיבי, דער שטאָלץ פון דיין געבענטשטען פאָלק איינגלאַנר, בעט איך דיר דו זאָלסט רעגירענגערען דיין געגאַר און פון מיר ניט אַבטאַן.

ווען איך געה אין דיינע שליחות צו אַ פונעראַל אָדער ווייזען אַ קראַנקען, זאָל די הויז געווינר פון געשטאָרבענעם אָדער פון קראַנקען זיין געווינר און שטאַרק אריבער צו טראָגען דיין שטראָף ווי אין דיין היילינען סדור איז געשרי. כען „גנה ביתך כבתחלה" דיין הויז געווינר זאָל זיין ווי פריהער געווינר און שטאַרק איך זאָל נושא חן זיין ביי זי, און ביי אלעסען אז זיי זאָלען סיך איינלאַרען אויף פּיקניקס אויף פּאַרטיים אָדער סתם וואו מען שפּיעלט ווינגס מאַנצט, אָדער שפּיעלען אין ברידזש, ניטאָגרעס ברירו, דער נייס פון דיין געבענטשט פאָלק ענגלאַנר, ניט ועקס און ועכדינ אָדער אַקע וואָס ראָט בקלאַנגט צו מאַריינער.

ווען איך געה אויף אייפען במה צום ראַוונען אָדער ווען געבען אַ סערמאָן, זאָלסטו דערוויישערען די רוסישע ידען, וועלכע ווינען ניט געוויינט ציוויליזירט צו פאַרשטיין די סערמאָן פון אַ רעווערענד. איך געדענק דאָס ווי פלעגען שפּאָטען און לאַכען פון מיר דיין קנעכט דאָס איך קען ניט און ווייס ניט ווייטער אָלפען בוך וואָס זיי רופען עס „תלמוד".

ווען איך געה געבען ווען עס איז אַ סערמאָן אין אַ זאַמט זאָלסט אַריין שיקען אַ ווינען פון נומסקיים ביי די אלע הערערס, סיי פון דיין געבענטשטען פאָלק איינגלאַנר, סיי פון דיין גליבען ראָסע ישראל, זיי זאָלען מיר אַפּלאָדירען אויף יעדען וואָרט. איך זאָל אויך קענען זיין איינער פון די וועלכע ערפילען דעם סיסאָן פון איזראַעל, שיק אַריין אַ ווינען אין סיינע פרנסים און גבאים אז זיי זאָלען אויך לייגען ווייטערע גאָרלען און מאַשינעס אום צו קענען געהן הערען ווי רעווערענדען אַפּלאָדירען דיין קנעכט. כדי זיי זאָלען נאָכהער מיר הערכערען אביסעל הירושעס. איך זאָל קענען דינען דיין נאָמען פון וואָוילקיים.

איצט טוה איך בעטען ניט פאַר מיר, נור פאַר אלע פעלקער וואָס זיי ווינען דא אויף דער וועלט, דאָס זיי זאָלען געהן אין דעם וועג פון אמת פון שיינקייט און פון ערליכקייט, אלע זאָלען זיין אין די ווענען פון דיין געבענטשטען פאָלק איינגלאַנר, פלאַנץ איין ביי זיי ספּאָרטס פון פערד און פון הינר, ספּאָרטס פון באָקסען און קריקעט, גאָלף טענים, פוט באל און נאָך סייערע טרות וואָס דו האָסט געבענטשט דיין איינגלאַנר, שיק אַריין אַ ווינען ביי זיי אז זאָלען ניט דריקען דיינע יודען וועלכע לערנען ווייטער בוך וואָס זיי רופען עס „תלמוד" כדי זיי זאָלען ניט קוסען דא אין די געבענטשטע איינגלאַנר און שטרעקען צינגער פון שפּאָט אויף די רעווערענדס, און איבער אנדערע קוסען יא שיק זיי אַריין אַ גייסט פון סיוויליזר פּיפל, זיי זאָלען פאַרגעסען ווייטער דלמוד און גיין אין אונזערע ווענען, און איך האָף אז דו וועסט ערפילען די געבעט פון סיינע לעפּצען און אונזערע אויגען וועלען זעהן דיין אומקערען זיך צוריק אין ווייען 2), אמען.

---

1) כען מעג ניט זאָגען „פאָלק ישראל" ווייל ניט צו רעדען שנאה ביי די רושענעלטאַן פון אונזערע ברידער פון דעם איינגלישען פאָלק.

2) כען ראָרף דריקען דעם „י" פון ווייען עס זאָל ניט אַרויסווייזען ווי אַ „ב" כען זאָל ח״ו האָבען אַ טעות אז מיר בעטען צוריק אין בית.

---